PUBLIC LIBRARY
OCT 7 1930
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

קאַנטרי אידן! שטעלט א טעלער אין שולן ערב יום־כפור, פאר'ן מאונט כרמל קליניק

זון אויפגאנג — 6.22.
זון אונטערגאנג — 6.43.

די איינציקע אידישע צייטונג אין מערב קאנאדע
סטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאָג

דאס אידישע ווארט
THE GATEWAY OF THE WEST
THE ISRAELITE PRESS

וועטער: קלאָר און קיל

The Only Jewish Newspaper in Western Canada
Established 1910.
Published
DAILY

Vol. 20, No. 191, Winnipeg, Tues. Sept. 30, 1930. Published daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג
דינסטאג, ח' תשרי, תרצ"א.

באריכט, אז ער האלט ביים פארלירן זיין פירערשאפט

סטענלי באלדווין

סטענלי באלדווין, בריטישער עקס פרעמיער, וועמעס פאזיציע ווי פירער פון דער בריטישער קאנסערוואטיווער פארטיי איז לעצטנס געווארן זייער וואקלדיק, ווי א רעזולטאט פון די שפאלטונגען און רייבונגען אין די רייען פון דער פארטיי.

דייטשע רעגירונג וועט ניט דערלאזן צו אנטי־סעמיטישע אויסברוכן

אינערן מיניסטער ווירט זאגט אז אידן פון גאר דער וועלט דארפן זיך ניט באאומרואיקן פארן גורל פון דייטשן אידנטום. — זאגט אז רעגירונג וועט זיך ניט לאזן באאיינפלוסן פון אנטיסעמיטישער כוואליע

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

בערלין, סעפט. 30 (איטא).— דר. יאזעף ווירט, דייטשער אינערן מיניסטער, האט אין אן אינטערוויו מיט ה' לאנדוי "איטא" דירעקטאר, אים פארזיכערט, אז די אידן אין דייטשלאנד זיינען אויסער וועלכער ס'איז געפאר, ניט געקוקט אויף דעם זיג פון די אנטיסעמיטן אין די לעצטע וואלן.

אין זיין דערקלערונג, האט דר. ווירט געזאגט, אז ס'איז ניטא קיין גרונד פאר די אידן פון גאר דער וועלט צו באאומרואיקן זיך וועגן דעם גורל פון דייטשן אידענטום, צוליב דעם אומדערווארטעטן וואוקס פון די נאציאנאל־סאציאליסטישע שטימען, און אז עס איז ניטא קיין געפאר אז דער אנטיסעמיטיזם זאל פארפלייצן דייטשלאנד.

די רייך רעגירונג, האט דר. ווירט געזאגט, וועט אנהאלטן איר ביז־איצטיקע שטעלונג, און וועט זיך ניט לאזן אריינציען אין'ם אנטיסעמיטישן שטראם.

אויף דער פראגע, ווי אזוי איז עס געקומען צום איבערראשנדיקן וואוקס פון די נאציאנאל־סאציאליסטישע שטימען, האט דר. ווירט דערקלערט, אז דאס איז א רעזולטאט פון דער שווערער עקאנאמישער לאגע אין דייטשלאנד, און אז דער וואוקס פון די נאציאנאל־סאציאליסטישע שטימען באצייכנט א מאסן־פראטעסט קעגן דער איצטיקער לאגע.

דר. ווירט גלויבט אבער בשום אופן ניט, אז די אלע וואס האבן געשטימט פאר די נאציאנאל־סאציאליסטן האבן דערמיט אויסגעדריקט זייער שנאה צו די אידן. אן אנטיסעמיטיזם וואס זאל פירען צו אומרעכט אדער אפילו צו אויסברוכן, עקזיסטירט ניט אין דייטשלאנד, האט ער געזאגט.

"עס איז אלעמאל געווען דער רעגירונגס ציל צו באשיצן אירע בירגער, צו וועלכן גלויבן זיי זאלן ניט באלאנגען." — האט דר. ווירט געזאגט. — די דייטשע רעפובליק רעכנט די באשיצונג פון אלע אירע בירגער ווי איר פליכט, אן וועלכן עס הייגנט אפ איר כבוד. ניט נאר ווילן מיר, נאר מיר קאנען דערפילן אונזער פליכט."

—(::)—

בית־יתומים איז צום ערשטן מאל אין זיין געשיכטע אינגאנצן פריי פון חובות, לויט יערלאכן באריכט

עס איז צום באדויערן וואס איז ניט געקומען א גרעסערער עולם צו דער יערלאכער פארזאמלונג פון בית־יתומים, וואס איז אפגעהאלטן געווארן לעצטן זונטאג, אין בית־יתומים.

די פארשיידענע אפגעגעבענע באריכטען זיינען געווען זייער וויכטיק און אינטערעסאנט פאר יעדן איינעם וואס איז פאראינטערעסירט אין מערב קאנאדער בית־יתומים, איבערהויפט דער באריכט פון דעם פארזיצער פון פינאנץ קאמיטעט, מר. ל. רייס, וועלכער האט אנגעוויזן, אז ניט געקוקט אויף דער איצטיקער שלעכטער צייט וואס האט ארומגעכאפט גאנץ קאנאדע, איינשליסנדיק וויניפעג, איז דער צען יעריקער יוביליי קאמפיין געווען דערפאלגרייך גענוג אפצואווישן דעם גאנצן דעפיציט פון פערצן טויזנט דאלאר, און צום ערשטן מאל זינט די נייע היים איז אויפגעבויט געווארן, איז די אינסטיטוציע פריי פון חובות.

די פארזאמלונג איז דערעפנט געווארן פון דעם פרעזידענט מר. מעקס פינקעלשטיין, וועלכער האט אין זיין יערלאכן באריכט געלויבט די ארבעט פון דעם סופעראינטענדענט מר. אסאווסקי און מרס. אסאווסקי, און ער האט באדאנקט די דירעקטארן, די פרויען (לײדיס סאסייטי פון בית יתומים), די דאקטוירים און אלע אנדערע מיטארבעטער פאר זייער קאאפעראציע לטובת דער דאזיקער אינסטיטוציע.

ער האט באזונדערס באדאנקט "דאס אידישע ווארט" פאר איר ארויסהעלפנדיקער פובליסיטי. נאכדעם ווי ער האט אפגעגעבן זיין באריכט, האט מר. רייס געמאכט א שטארקן אפיל צו די יעניקע וועלכע עס זיינען געווען נאמינירט פאר דירעקטארן עמטער, אז זיי זאלן זיך אנשטריינגען דורכצופירן די ארבעט וואס עס פאדערט זיך פארן בית־יתומים, אדער זיי זאלן ניט אננעמען די נאמינאציעס.

אן אינטערעסאנטער באריכט איז אפגעגעבן געווארן פון מר. וו. קאהען, פארזיצער פון "סופליי" קאמיטעט. ער האט אנגעגעבן אין איינצלהייטן די ארבעט וואס איז אפגעטאן געווארן פון דעם דאזיקן דעפארטמענט און ער האט געמאכט פארשיידענע רעקאמענדאציעס.

זייער א גוטן איינדרוק האט געמאכט מר. אסאווסקים באריכט. דער סופעראינטענדענט האט אנגעוויזן אויף דער ארבעט פון דער דאזיקער אינסטיטוציע פאר די לעצטע צען יאר. ער האט אנגעוויזן אויף די מערקווירדיקע רעזולטאטן און אויף א סך מוסטערן.

איבער 500 קינדער האבן געקראגן דעם אויפזיכט אונטער דעם דאך פון בית־יתומים, וואו זיי זיינען איצט איין צופרידענע משפחה. מר. אסאווסקי האט אלע פארזאמלטע דורכגעפירט אין יעדער אפטיילונג פון בית־יתומים פון קעלער ביז צו דער שול און ער האט געוואונען די הערצער פון זיינע צוהערער דורך דעם שיינעם אופן ווי אזוי ער פירט אן מיט דער ארבעט פון בית־יתומים.

אין אלע באריכטן איז געלויבט געווארן די מוטערלאכע אויפזיכט פון מרס. אסאווסקי.

מר. מ. א. גרעי, מר. ה. י. ווײלדער, מר. מ. וויסמאן, מר. וו. רובין און מר. א. גרינבערג, און אנדערע, האבן געלויבט די ארבעט פון די דירעקטארן און זיי האבן פארגעשלאגן אז די פארזאמלונג זאל אננעמען א דאנק רעזאלוציע. זייער פארשלאג איז מיט צופרידנהייט אנגענומען געווארן.

די פאלגנדע זיינען דערוויילט געווארן אין דער נייער "באארד אף דירעקטארס":

דר. סי. דזש. בערמאק, א. באראדיצקי, דר. מ. ברעגמאן, וו. קאהען, די קאהען, א. ע. קאנטאר, ל. דייוויס, מ. דארפמאן, מעקס פינקלשטיין, מ. א. גרעי, ה. גענאסקי, מארקוס היימאן, א. א. הורוויץ, מ. ה. לעווינסאן, פ. מאס, ל. רייס, דר. ס. ראדין, ד. ספיוואק, ה. נ. טאבייעס, דזש. וואלינסקי, מרס. מ. טשעס און מרס. מ. זלאבינסקי.

מאָריס שווארץ צוריק אין ניו־יארק פון דרום אמעריקע

ניו־יארק, סעפט. 30 (איטא).— מאריס שווארץ האט זיך צוריקגעקערט קיין ניו־יארק, נאכדעם ווי ער האט פארבראכט דריי חדשים אין דרום אמעריקע, וואו ער האט מיט גרויס דערפאלג גאסטראלירט מיט זיין קונסט־טרופע.

עס גייען איצט אן פארהאנדלונגען, צי זאל מאריס שווארץ דעם סעזאן שפילן אין ניו־יארק, אדער אין פילאדעלפיע, וואו אראנזשמענטס זיינען שוין געמאכט געווארן אנצופאנגען די קומענדיקע עטלאכע טעג, נאר ווי עס ווערט פארשטאנען זיינען די אראנזשמענטס ניט קיין ענדגילטיקע.

קיין אומגעזעצלאכקייט אין די סאוועטישע ווייץ ספעקולאציעס

שיקאגא, איל., סעפט. 30.— פארשטייער פון שיקאגער ווייץ־בערזע, עדות זאגנדיק פאר דער קאנגרעס קאמיסיע אונטער דער פארזיצערשאפט פון קאנגרעסמאן האמילטאן פיש, האבן דערקלערט, אז זיי זעען ניט קיין שום אומגעזעצלאכקייט אין די סאוועטיש'ע ווייץ ספעקולאציעס, און אז זיי זיינען זיכער, אז זיי זיינען ניט געווען געמיינט צו ברעכן דעם מארק.

אויף דער פראגע, וויפל די סאוועט רעגירונג האט פארדינט אויף די 7½ מיליאן בושל וואס זי האט פארקויפט "קורץ", האט איינער פון די עדות, מר. בארענאק, אפגעשאצט, אז איר פראפיט דארף זיין, לויט די איצטיקע פרייזן ארום 525 טויזנט דאלאר.

מאסקווע, סעפט. 30.— באאמטע האבן דא אפגעלייקנט, אז די סאוועט רעגירונג "שיט אויס" אירע ווייץ אין אויסלאנד. די סאוועט רעגירונג, זאגן זיי, קאן בלויז פארקויפן ווייץ ביליקער, ווייל לויט איר עקאנאמישן סיסטעם קאסט די פראדוקציע א סך ביליקער.

—(::)—

פרוי שפרינגט אין וואסער ווען איר מאן הייסט איר; זי איז געווען "אונטער איינפלוס"

שיקאגא, סעפט. 30.— מרס. לואיז לאוטש, 29 יאר אלט, איז א פרוי ווי גאט האט געבאטן, פאלגט איר מאן אין פייער און אין וואסער.

נעכטן איז מרס. לאוטש צוזאמען מיט איר מאן, טהאמאס, 42 יאר אלט, געפארן אין אן אויטאמאביל ארום לייק מישיגען. אויפן וועג האבן זיי זיך איבער עפעס צעקריגט און ער האט פון כעס אויסגעשריען: "גיי, ווארף זיך אין טייך אריין!" און אזוי ווי זי איז שטענדיק געווען א געהארכזאמע פרוי, האט זי מאמענטאל אויסגעפאלגט זיין באפעל און אין א מינוט שפעטער האט זי זיך שוין געטרונקען.

מר. לאוטש האט אבער באלד פארשטאנען אז דער באפעל זיינער איז געווען "אביסל" צו שטרייננג. ער האט זיך באלד אריינגעווארפן אין טייך און אים האט זיך איינגעגעבן צו ראטעווען זיין טייער ווייבל. איידער צוויי פארק מאטארציקל פאליציסטן זיינען אנגעקומען און זיי האבן זיי ביידן ארעסטירט דערפאר וואס זיי האבן געהאט ביי זיך אין אויטאמאביל א פלעשל דזשין.

איצט איז פאראן איין טרייסט, אז די פרוי איז אפשר געווען אונטער דער ווירקונג פון "דזשין" און דערפאר איז זי אפשר געווען אזוי געהארכזאם אויף איר מאנס אומגעלומפערטן באפעל, ווייל עס איז שווער צו גלויבן אז ביי היינטיקע צייטן, און נאך אין אמעריקע זאל זיך געפינען אזא "צנועה" א ווייבל.

פאסאזשירן פון "פאלאניא" קומען מארגן

די פאסאזשירן פון דער "פאלאניא" קומען אהער אן מארגן, 7.15 אוונט, מיט דער סי. ען. אר. לײדער איז דעם אימיגר. הילף פאראיין ניט געלונגען צו אראנזשירן עס אזוי, אז די אידישע פאסאזשירן זאלן קאנען קומען צו "כל נדרי". דערפאר אבער איז עס אראנזשירט געווארן אזוי, אז א צאל אידישע פאסאזשירן, וואס האבן ניט געוואלט ריסקירן ארויספארן פאר יום־כפור, זיינען פארהאלטן געווארן אין מאנטרעאל ביז איבער יום־כפור.

—(::)—

אויפ'ן וועג קיין דייטשלאנד אויסצוגלייכן מלחמה חשבונות



רעפ. סי. ה. קאהאן

אטאווא, סעפט. 30. — רעפּוטאט סי. ה. קאהאן, קאנסערוואטיווער פירער פון קוועבעק, איז איצט אויפ'ן וועג קיין דייטשלאנד, ווי א פארטרעטער פון דער רעגירונג, אויסצוגלייכן חשבונות צווישן קאנאדע און דייטשלאנד, וואס זיינען פארבליבן פון דער מלחמה.

—(::)—

סיטי קאונסיל וועט באקעמפן נייע "סטריט קאר פעירס"

מיט א מערהייט פון 8 שטימען קעגן 5, האט דער סיטי קאונסיל אויף זיין זיצונג לעצטן אוונט באשלאסן צו באקעמפן די נייע "סטריט קאר פעירס", אנאנסירט פון דער "מיוניסיפאל ענד פאבליק יוטיליטים באָרד". פאר דעם פארשלאג האבן געשטימט אלע 6 ארבעטער אלדערמען און די אלדערמען קאליסניק און פאלמער. קעגן האבן געשטימט די אנדערע 5 אלדערמען וואס זיינען געווען אנוועזנד.

אלד. דוירוואַרד האט אריינגעטראגן א "נאָטיס אף מאושאן" אז די שטאט זאל איבערנעמען דעם טראמוויי סיסטעם.

נאך א לאנגער דעבאטע, האט די זיצונג אויך באשלאסן פארצולייגן פאר די בירגער אין די קומענדיקע מוניציפאלע וואלן צוויי בריק "ביילאוס" צום אויסקלייבן: פאר א בריק אויף סאלטער סט., אדער אויף שערברוק סטריט.

—(::)—

קווינס טרופע אויף דער ראדיא היינט

היינט 8.30 אוונט, וועלן די מיטגלידער פון קווינס טעאטער טרופע געהערט ווערן אין א קאנצערט אויף דער ראדיא, דורך דער סי. קעי. וואי.

אין דעם קאנצערט וועלן זיך באטייליקן מאריס קראנער, דזשאנעט פאסקעקעוויטש און מר. און מרס. פויגלנעסט, אין געזאנג, דעקלאמאציעס און א. וו.

געזעלשאפטלאכער קאלענדאר

דאנערשטאג, אקט. 2

טאנץ אין פרץ־זאל 8.30 אוונט. פרייז וואלץ, גוטער ארקעסטער. אויפז. אינד. ליג

פרייטאג, אקטאבער 3

אלגעמ. פארזאמלונג פון יוגנט לינקע פוע"צ, 8.30 אוו., אין פרץ־אינסטיטוט

שבת, אקט. 4טן

ארגאניזאציאנעלע גרינדונגס פארזאמ. פון הנוער־העובד, וואלן, פארוויילונג, 9 אוו., אין ציון זאל. איינטריט פריי.

זונטאג, אקטאבער 5

אלגעמ. פארזאמ., באריכט און וואלן ביי דער מאניטאבא פרי לאאן, 10.30 פרי. אין 239 מאניטאבא עווע.

פארזאמ. פון לינקע פוע"צ. איבערבליק איבער סעפטעמבער נומער "פרייע יוגנט" 2.30 נ.מ. אין פרץ־אינסטיטוט.

עלטערן פארזאמלונג אין דער נאציאנאל העברייאישער שול, 3 נ.מ. איינלייטונג איבער נעפלאנטע וויכטיקע אויסבעסערונגען פון י. קאבאקער.

מיטוואך, אקטאבער 8

אלגעמיינע פארזאמלונג פון מיטגלידער פון אשכנזי שול, 8 אוונט, אין שול.

שבת, אקטאבער 11

טאנץ אין תלמוד תורה זאל, אויפגעפירט "הנוער העובד".

זונטאג, אקטאבער 12

טיי פון מוטער פאראיין ביי א. ר. פ. ט. שול ביי מרס. זארעצקי, 290 אבערדין

קאנגרעס פאר ארבעטנדן ארץ־ישראל באגריסט פון אמעריקאנער ארבעטער

פיינסטאן באגריסט דעם קאנגרעס אין נאמען פון אידישע געווערקשאפטן און אמעריקאנער ארבעטער פעדעראציע. — קאנפליקטן צווישן לינקע און רעכטע ליקווידירט געווארן

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

בערלין, סעפט. 30 (איטא). — די אינצידענטן וואס זיינען אויסגעבראכן ביים קאנגרעס פאר'ן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל צווישן די לינקע פועלי־ציון און די איבעריקע מיטגלידער פונ'ם קאנגרעס, זיינען נעכטן ליקווידירט געווארן, און די ארבעט איז ווייטער אנגעגאנגען אן שטערונגען.

ה' פיינסטאן האט באגריסט דעם קאנגרעס אין נאמען פון די אידישע געווערקשאפטן און אין נאמען פון דער אמעריקאנער ארבעטער פעדעראציע.

יוסף שלאזבערג האט דאן אפעלירט פאר דער שאפונג פון א פאראייניקטן ארבעטער פאנד פאר דעם ארבעטנדיקן ארץ ישראל. ער האט צווישן אנדערש געזאגט: "מיט זיבן יאר צוריק איז נאך דאס ווארט פאלעסטינע געווען א סינאנים פון רעאקציע אין אמעריקע. אבער היינט מיינט עס פאלעסטינער ארבעט פאר סאציאלן פראגרעס."

שלאזבערג האט אויך אפעלירט אויפצוגעבן דעם שפראכן־קאמף, דערקלערנדיק, אז די בויער פון ארץ־ישראל אליין דארפן אויסקלייבן פאר זיך זייער שפראך.

מאקס עריק, פירער פון די לינקע פועלי ציון, האט דאן געלייענט א רעפעראט וועגן דעם אידישן עמיגראציע פראבלעם. ער איז געקומען צום באשלוס, אז די אימיגראציע קיין ארץ־ישראל איז ניט א רעזולטאט פון אן אידעאלאגיע, נאר אן עקאנאמישע נויטווענדיקייט.

ה' עריק האט באטאנט די נויטווענדיקייט צו שאפן א פאראייניקטן אידיש־אראבישן קלאסן פראנט, ווי אויך די נויטווענדיקייט צו נאציאנאליזירן דעם באדן אין ארץ־ישראל.

"אידישע מוטער" אויפגעפירט אין תל־אביב אבער אן ריידנדיקן טייל

תל־אביב, סעפט. 30 (איטא). — נאכדעם ווי די קינא פארוואלטונג האט פונ'ם בילד "אידישע מוטער" אויסגעשניטן דעם ריידנדיקן און זינגענדיקן טייל, איז דאס בילד דורכגעפירט געווארן אן שטערונגען. ספעציעלע פלאקאטן, אונטערגעשריבן פון דער מוניציפאליטעט אטן פונ'ם טעאטער־אייגנטימער, האבן אנאנסירט די פשרה.

היטלערס פלאן איז צו באזיגן רוסלאנד און פארוואנדלען עס אין א דייטשער פראווינץ

בערלין, סעפט. 30. — אדאלף היטלער פלאנעוועט ניט מער און ניט ווייניקער ווי צו באזיגן גאנץ רוסלאנד און פארוואנדלען די ריזיקע סאוועטישע מדינה אין א פראווינץ פונ'ם פאשיסטיש; דייטשלאנד וואס ער שטרעבט צו שאפן.

דאס איז געווען קלאר פון אויסצוגן פון זיין בוך "מיין קאמף" וואס זיינען פארגעלייענט געווארן אין לייפציג, ביים פראצעס פון די דריי אפיצערן, אנגעקלאגט אין פאררעטעריי פאר ארגאניזירן פאשיסטישע "קעמערלאך" אין דער ארמיי.

אין זיין בוך באשרייבט היטלער רוסלאנד ווי א ריזיקע מדינה, מיט גוואלדיקע רייכטימער, וואס איז אינגאנצן דעמאראליזירט געווארן פון דער סאוועטישער הערשאפט און וואס ווארט אויף אימעצן וואס זאל קומען און באהערשן און ארגאניזירן דאס לאנד.

זיין ציל זוכט היטלער אין'ם בוך ניט צו באריכטיקן דערמיט וואס אין רוסלאנד ווערן געמאכט פארפאלגונגען קעגן רעליגיע אדער עפעס אנדערש. ער זאגט פשוט, אז דייטשלאנד ווערט דערשטיקט אין אירע איצטיקע גרעניצן, און זי מוז האבן פלאץ פאר קאלאניאלער אויסשפרייטונג.

היטלער מאכט חוזק פון די וואס דיינקען אז דייטשלאנד קאן קריגן צוריק אירע גרעניצן פון 1914 דורך פרידלאכע מיטלען, אגב זאגט ער, אז די דאזיקע גרעניצן זיינען אלצאיינס צו איינג פאר דייטשלאנד, און זי מוז זיי ווייט אויסשפרייטן.

—(::)—

אומגעלונגענע אנטי - אידישע דעמאנסטראציע אין פאריז

פאריז, סעפט. 30. — צום ערשטן מאל פאר א לאנגער צייט האט פאריז געזען א פארזוך צו מאכן אן אנטי־אידישע דעמאנסטראציע אין די שטאט גאסן נעכטן.

זעקס מיטגלידער פון דער ראיאליסטישער ליגע "קאמעלא דו ראי" זיינען געלאפן איבער די גאסן אין דעם אידישן קווארטאל פון קארא דו טעמפל, שרייענדיק "נידער מיט די אידן" און אויסטיילנדיק צו פארביייגייער די אנטיסעמיטישע צייטונג "ל'אקסיאן פראנסעז".

די אוואנטיורע האט זיך פארענדיקט מיט א געשלעג, אין וועלכן איינער פון די ראיאליסטן איז געבליבן ליגן א צע'ממיתטער און די איבעריקע זיינען זיך צעלאפן.

דער בארג נבו, וואו עס געפינט זיך משה'ס לעגענדארישער קבר, צום פארקויפן

לאנדאן, סעפט. 30. — דער בארג נבו, אין עבר־הירדן, פון וועלכן משה'ן איז דערלויבט געווארן צו זעען דאס פארשפראכענע לאנד איידער ער וואלט שטארבן, און וואו עס געפינט זיך זיין לעגענדארישער קבר, איז איצט צום פארקויפן, לויט א ידיעה פון ירושלים.

ווי די דעפעשע דערציילט, האבן איניקע שייכן פון עבר־הירדן, צו וועלכע דער בארג באלאנגט, אנגעבאטן דעם בארג צו פראנציסקאנער גלחים פאר 7,500 דאלאר, אבער יענע האבן אפגעזאגט זיך פונ'ם אנבאט.

שפאלטונגען אין בריטישער קאנסערוואטיווער פארטיי א דראאונג צו באלדווינס פירערשאפט

לאנדאן, סעפט. 30. — די לאגע פון עקס־פרעמיער באלדווין, ווי א פירער פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי, איז זייער א וואקלדיקע, און אין היגע פאליטישע קרייזן רעדט מען וועגן דער מעגלאכקייט פון זיין רעזיגנאציע.

די שפאלטונגען אין די רייען פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי האבן אנגענומען זייער ערנסטע פארמען, עס זעט אויס, ווי אין די קומענדיקע אלגעמיינע וואלן זאל א צענדליק פארשיידענע פארטייען ארויסשטעלן באזונדערע קאנדידאטען, — א גאר אויסערגעוויינלאך בילד אין בריטישן פאליטישן לעבן.

אין דעם לאנדאנער סאוט פעדינגטאן באצירק האבן די קאנסערוואטיוון פאר דער קומענדיקער "ביי עלעקשאן" ארויסגעשטעלט פאר א קאנדידאט סער הערבערט לידיארד, וועלכער איז אן אנהייגער פון לארד ביווערברוקס "אימפעריאלען פרייען האנדל", איינשליסנדיק א שטייער אויף אימפארטירטע שפייז פראדוקטן. ער איז אויך קעגן מר. באלדווינס צוזאג ניט צו בעטן א פרייע האנט אין די קומענדיקע וואלן איינצופירן אזא שטייער.

זיין קאנדידאטור קאן אזוי באטראכט ווערן ווי אן אויסדרוק פון אומצוטרוי מצד די קאנסערוואטיוון פון דעם באצירק צו מר. באלדווינס פירערשאפט.

בעת אבער לארד ביווערברוק שטיצט דעם אפיציעלן קאנסערוואטיוון קאנדידאט, האט לארד ראטערמירס "פאראייניקטע אימפעריאלע פארטיי" ארויסגעשטעלט איר אייגענעם קאנדידאט, א פרוי, וואס וועט באקעמפן דעם קאנסערוואטיוון קאנדידאט.

אגב - אורחא

פון מארק

אויפ'ן אידיש־העברייאישן פראנט איז ניט רואיק

ביי אונז ווערט עס לעצטנס אנגענומען, אז ס'איז מער ניטא וואס צו ארגומענטירן וועגן דער פראגע פון אידיש אדער העברייאיש. אז אלע ארגומענטן זיינען שוין אויסגעשעפט, און מען קאן עס איצט איבערלאזן צום לעבן צו אנטשיידן די פראגע.

לײדער האלט עס נאך אבער גאנץ ווייט דערפון. אויב די גייסטיקע ארגומענטן זיינען שוין מער־ווייניקער אויסגעשעפט, ייזנען אבער פארבליבן די פיזישע. די אזוי־גערופענע "שלאגנדיקע ארגומענטן", וועלכע זיינען א סך פארביטערטער און א סך פרוכטלאזער, ווי די ערשטע.

און אט ערשט נעכטן לייענען מיר אין "דאס אידישע ווארט" וועגן צוויי אזעלכע שלאכטן אויף דעם אידיש־העברייאישן פראנט:

אין תל־אביב האבן די "מגיני השפה'ניקעס" ארפגעריסן א אידיש קלאנגבילד, און אין בערלין האבן די לינקע פועלי־ציון געמאכט אן אבסטרוקציע, ווען בן־גוריון האט געעפנט דעם קאנגרעס פאר'ן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל אין העברייאיש.

* * *

די צוויי נייעס האבן געלייענט אי אידישיסטן, אי העברייאיסטן.

האבן די העברייאיסטן (שטעל איך זיך פאר) אויף דעם שארפסטן אופן פארדאמט די לינקע פועלי־ציון פאר דעם בערלינער אינצידענט. און ווען איר פרעגט זיי למאי תל־אביב? וועלן זיי אייך זאגן: וואס פארגלייכט איר עפעס? דא קעמפט מען דאך פאר דער סאמע עקזיסטענץ פון העברייאיש. און דא קומען גאר די אידישיסטן און מאכן "חוצפה'דיקע דעמאנסטראציעס" פאר זשארגאן"...

און די אידישיסטן האבן מסתמא באוואונדערט די העלדישקייט פון דעם הייפעלע לינקע פועלי ציון אין זייער גערעכטן קאמף פאר אידיש, קעגן א דעמאנסטראציע פאר העברייאיש, און האבן מיט צארן גערעדט וועגן די כוליגאנישע העברייאיסטישע שטינק־באמבע "העלדן" פון תל־אביב...

* * *

וואס איז שייך מיר אבער, בין איך פון ביידע פאלן גאר ניט באגייסטערט.

מער ניט, ווי איך זאל ניט וועלן זיין אביעקטיוו, קאן איך אבער פארט ניט באציען זיך צו ביידע פאלן גלייך.

פארט איז אין בערלין געווען א פאל פון קאמף פון א קליינע, הילפלאזער מינדערהייט קעגן א שטארקער מערהייט, און אויסער פארדאמונגען און אפשר אויך קלעפ האבן די קעמפער דא גארנישט ניט געקאנט דערווארטן. קיין פאגראם פון די עטלאכע לינקע פועלי ציון אויף דער מערהייט איז דאס ניט געווען.

אין תל־אביב איז דאס אבער געווען א פאגראם. און ברוטאל איז דאס געווען, ווייל די אנפאלער זיינען דא געווען זיכער, אז דער פאגראמירטער איז ניט בכח פיזיש צו פארטיידיקן זיך, ווייל די פאליציי און דער געריכט, ווי עס איז שוין פריער דערוויזן געווארן אין ענלאכע פאלן, זיינען מיט די אנפאלער.

ס'איז דא אפילו ניטא קיין זכר פון העלדישקייט, — ווי ס'איז ניטא קיין העלדישקייטן אין אן אנפאל פון רומענישע כוליגאנעס אויף אלטע אידן...

* * *

אויב אבער די אבסטרוקציע פון די לינקע פועלי־ציון אין בערלין איז ניט געווען שענדלאך, ווי די מעשה תל־אביב, איז זי איבער נאך מער געווען פרוכטלאז.

עס איז שוין צייט אפילו פאר די עקסטרעמסטע אידישיסטן צו אנערקענען, אז פאר עטלאכע צענדליק טויזנט אידן אמווייניקסטנס איז העברייאיש אן אידעאל פאר וועלכן זיי זיינען זיך מקריב.

ביי אונז אז אפשר זייער לייכט צו זיין א העברייאיסט, — אפשר נאך לייכטער, ווי צו זיין א אידישיסט. דאס פארפלייטעט אבסאלוט צו גארנישט, אויסער צו זאגן "אני מאמינ'ס" און אפשר געבן ווען א קוואדער פאר העברייאיש.

אבער אין ארץ־ישראל זיינען זיך מענשען מקריב פאר העברייאיש, — ביז צו פאר'מישפט'ן זיך צו שטומקייט, ביז צו אויסטריקענען די אייגענע נשמה, — און צו אזא אידעאל, פאר וועלכן מענשן ברייניגען אזעלכע שווערע קרבנות, קאן מען מיט קיין אבסטרוקציעס ניט באקעמפן. מיט'אזעלכע אבסטרוקציעס פארהארטעוועט מען בלויז די ווידערשטאנד־קראפט פונ'ם קעגנער.

* * *

אבער פרוכטלאז איז זיכער אויך דער ברוטאלער קאמף־מעטאד פון די "שומרי השפה'ניקעס" קעגן אידיש אין ארץ־ישראל

אמת, מיט דער הילף פון שטיינער און שטינק־באמבעס געלינגט זיי אראפצוטרייבן דערווייל אידיש פון דער עפנטלאכקייט. אזוי האט זיך איצט דער וויצע־מעיאר פון תל־אביב, ה' רוקח, אנגענומען זייער "קריווקע", און האט פועל געווען דעם פארבאט אויפצופירן ווייטער דאס אידישע בילד.

אבער אזעלכע רדיפות פארשטארקן בלויז די פאזיציעס פונ'ם מארטירטן אידישיזם אין ארץ־ישראל און פארביטערט די אידישיסטן צום קאמף, און עס איז נאר ניט אויסגעשלאסן, אז נאך דער איצטיקער דור "שומרי השפה'ניקעס" זאל נאך ווען פארלאכן זיין אייגענע מעדיציין...

איך רייד שוין ניט וועגן דעם גוואלדיקן שאדן וואס אט די האנדלונג פון די שומרי השפה'ניקעס ברענגט צום אידישן קאמף פאר רעכט אין אלע לענדער, — ווען אידן אליין ציינען אזא ביישפיל פון

(שלוס אויף לעצטער זייט)